# אנווייזונגען פאר קאסטומערס און ארבעטערס וועגן גלייכבארעכטיגע איינפירונג פון "קי טו NYC"

**דער דאקומענט גיבט אינפארמאציע וועגן אייער רעכט מען זאל זיך מיט אייך באגיין מיט יושר און גלייכקייט דורך ביזנעסער געדעקט דורך 'קי טו NYC', וועלכס פארלאנגט פון קאסטומערס און ארבעטערס צוצושטעלן א וואקסינאציע באווייז איידער מען נעמט זיך צו געוויסע אינעווייניגע אקטיוויטעטן.**

**אנגעהויבן אויגוסט 17, 2021, וועט יעדער פון 12 יאר און העכער דארפן צושטעלן א באווייז אז זיי האבן באקומען ווייניגסטנס איין דאזע פון דער קאוויד-19 וואקסין וואס איז באשטעטיגט פאר עמערדזשענסי באניץ דורך דער FDA אדער WHO פאר אינעווייניגערעסטאראנטן, אינעווייניגע פיטנעס / עקסערסייז איינריכטונגען, און אינעווייניגע פארוויילונג פלעצער.**

**אלס א קאסטומער אדער ארבעטער ביי א ביזנעס געדעקט דורך "קי טו NYC", האט איר א רעכט לויט דער ניו יארק סיטי מענטשן רעכט געזעץ (NYCHRL) צו:**

1. צו זיין אפגעהיטן פון דיסקרימינאציע אדער רדיפות באזירט אויף אייער הויט-קאליר, נאציאנאלער אפשטאם, דיסאביליטי, דזשענדער, רעליגיע / גלויבן, עלטער, [אדער סיי וועלכע אנדערע אייגנשאפטן באשיצט דורך דער NYCHRL געזעץ] בשעת איר זענט א קונה ביי א ביזנעס אדער ווען איר גייט צו דער ארבעט. צום ביישפיל, ביזנעס אייגנטימער געדעקט דורך "קי טו NYC" טאָרן נישט:

    - שטרענג באקוקן אייער וואקסינאציע באווייז מער ווי פאר אנדערע צוליב דער געדאנק אז מענטשן פון אייער הויט קאליר, נאציאנאלער אפשטאם, אדער רעליגע זענען מער עלול זיך נישט צו וואקסינירן;
    - פארלאנגען א וואקסינאציע באווייז בלויז פון עלטערע מענטשן אדער מענטשן מיט אומפעאיגקייט באזירט אויף דער געדאנק אז קאוויד-19 איז פאר זיי א גרעסערע געפאר; אדער
    - אפזאגן אנצונעמען געוויסע סארטן גילטיגע וואקסינאציע באווייזן, ווי צום ביישפיל אפיציעלע אימוניזאציע רעקארדס פון לענדער אויסער'ן יונייטעד סטעיטס אדער בילדער פון CDC וואקסינאציע קארטלעך.

2. אלס א קאסטומער, האט איר א רעכט צו "ריזאנעבל עקאמאדעישען", אדער פשוט'ע צופאסונגען, צו ערמעגליכן פאר אייך צו האבן צוטריט צו די סערוויסעס פון דער ביזנעס אויב איר קענט נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי אדער אומפעאיגקייט. פונדעסטוועגן מוז דער ביזנעס נישט צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אויב עס וועט דירעקט שטעלן אין געפאר אנדערע קאסטומערס אדער ארבעטער ביי דעם ביזנעס, אדער ברענגען א גרעסערע שוועריגקייט אויף דער ביזנעס.

    - אויב איר קענט נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי, מוז זיך דער ביזנעס מיט אייך דורכקומען דורך א קאאפעראטיווער און אויפריכטיגער געשפרעך אויף א לייטזעליגן אופן צו באשטימען אויב עס איז שייך זיך צוצופאסן אדער צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען".
    - "ריזאנעבל עקאמאדעישען" קען זיין אויף פארשידענע אופנים. צום ביישפיל, א קאסטומער קען איינקויפן עסנווארג מיטצונעמען מיט זיך, זיך אנשליסן אין א ווירטועלע עקסערסייז קלאס, אדער רעדן מיט א פארקויפער אדער אגענט דורך דער טעלעפאן.

3. אלס א באשעפטיגטער, האט איר א רעכט צו געוויסע צופאסונגען, אדער "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אייך צו ערמעגליכן אויסצופירן אייער ארבעט אויב איר קענט נישט געבן קיין וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי, שוואנגערשאפט, רעליגיעזע גלויבן, אדער אייער סטאטוס אלס געליטענע פון שטוב-געוואלד, נאכלאקערן, אדער סעקס פארברעכנס. פונדעסטוועגן מוז אייער בעל-הבית נישט צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אויב עס וועט דירעקט שטעלן אין געפאר אנדערע קאסטומערס אדער ארבעטער ביי דעם ביזנעס, אדער ברענגען א גרעסערע שוועריגקייט אויף דעם ביזנעס.

    - אויב איר פארלאנגט אן אויסנאם צו דער וואקסין פארלאנג אדער מער צייט אויף צוצושטעלן א וואקסינאציע באווייז צוליב איינע פון די אויבנדערמאנטע סיבות, מוז זיך אייער בעל-הבית מיט אייך דורכקומען דורך א קאאפעראטיווער און אויפריכטיגער געשפרעך אויף א לייטזעליגן אופן צו זען אויב עס

איז מעגליך זיך צוזופאסן מיט א "ריזאנעבל עקאמאדעישען".

- "ריזאנעבל עקאמאדעישען" קען זיין אויף פארשידענע אופנים. צום ביישפיל, אן ארבעטער קען ארבעטן רעמאָוט, ד.ה. פונדערווייטנס, אדער אויספירן זייער ארבעטס פליכטן אינדרויסן אדער אפגעזונדערט פון אנדערע ארבעטערס אדער קאסטומערס, אדער אפנעמען צייט פון די ארבעט.

## ווער איז באשיצט דורך דער NYCHRL געזעץ?

קאסטומערס זענען באשיצט אויב זיי זענען א קונה ביי א ביזנעס וואס פארקויפט סיי וואס עס זאל זיין אדער שטעלט צו סערוויסעס פאר דעם פובליק אין ניו יארק סיטי.

ארבעטערס זענען באשיצט אויב זיי ארבעטן אדער ווענדן זיך אויף ארבעט פאר א באשעפטיגער אין ניו יארק סיטי וואס האט פיר[1] אדער מער ארבעטערס. ארבעטערס זענען באשיצט, צי זיי ארבעטן פול-צייטיג אדער טיילווייז; צי זיי זענען איינגעשטעלטע, אינטערנס, אדער זעלבסטשטענדיג באשעפטיגטע; און אומאפגעזען זייער אימיגראציע סטאטוס.

## אויב איך בין א קאסטומער און איך קען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי, וואס זאל איך טון?

קאסטומערס אונטער 12 יאר אלט זענען פטור פון געבן א וואקסינאציע באווייז. קאסטומערס וואס זענען 12 יאר אדער העכער און האבן נישט קיין פאסיגע וואקסינאציע באווייז מעגן אריינגיין אין דער אינעווייניגע טייל פון א ביזנעס פאר שנעלע און באגרעניצטע צוועקן (ווי למשל, צו ניצן דער וואשצימער, אדער באשטעלן און עפנוואַרג אָרדער) ווילאנג דער קאסטומער טראגט א מאסקע אדער פנים-צודעק דורכאויס די גאנצע צייט וואס זיי קענען זיך נישט האלטן 6 פיס אפגעזונדערט פון אנדערע מענטשן.

אויב איר זענט 12 יאר אדער עלטער און איר ווילט אריינגיין אין דער אינעווייניגע טייל פון א ביזנעס געדעקט דורך "קי טו NYC" אבער איר קענט נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי, זאלט איר רעדן מיט דער ביזנעס אייגנטימער אדער איינגעשטעלטע צו זען אויב מען קען זיך צופאסן צו אייך מיט "ריזאנעבל עקאמאדעישען" וואס וועט ערמעגליכן פאר אייך צו האבן צוטריט צו די סערוויסעס אדער דאס וואס מען פארקויפט אין דעם וואס איר זאלט דארפן אריינגיין אין די אינעווייניגע טיילן פון דער ביזנעס אויסער פאר א שנעלע און באגרעניצטע צוועק. דער ביזנעס מוז זיך מוט מיט אייך דורכקומען דורך א קאאפעראטיווער און איפריכטיגער געשפרעך אויף א לייטזעליגן אופן וועגן אייערע געברויכן און פאטענציעלע צופאסונגען. דער ביזנעס קען אייך נישט ארײנלאזן אין דער אינעווייניגע טייל פון דער ביזנעס אויסער פאר א שנעלע און באגרעניצטע צוועק. פונדעסטוועגן איז מעגליך אז דער ביזנעס קען אייך סערווירן אינדרויסן, איבער'ן טעלעפאן, אדער דורך דער אינטערנעט ווי איידער אין דער אינעווייניגע טייל פון דעם ביזנעס.

## אלס א קאסטומער, וואספארא סארט באווייזן קענען ביזנעסער פארלאנגען וועגן מיין אומפעאיגקייט צו געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי?

ביזנעסער זאלן פון אייך נישט פאדערן א באווייז וועגן אייער דיסאביליטי, אדער פרעגן אנדערע אומבאקוועמע אדער פערזענליכע פראגעס וועגן די איינצלהייטן פון אייער דיסאביליטי. ענדערשט זאל דער ביזנעס מיט אייך זיך דורכקומען אין א קאאפעראטיווער געשפרעך צו באשטימען אויב מען קען זיך צופאסן צו אייך מיט "ריזאנעבל עקאמאדעישען" וואס וועט ערמעגליכן פאר אייך סערווירט צו ווערן אן דאס שטעלן אנדערע אין דירעקטן געפאר, אדער ברענגען גרעסערע שוועריגקייטן פאר דער ביזנעס, אדער די ארבעטער אדער קאסטומערס.

## אויב איך בין א קאסטומער און איך קען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב א סיבה וואס האט נישט צו טון מיט מיין דיסאביליטי, בין איך בארעכטיגט צו "ריזאנעבל עקאמאדעישען"?

ניין. נאר קאסטומערס וואס קענען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב זייער אייגן דיסאביליטי זענען בארעכטיגט צו א "ריזאנעבל עקאמאדעישען" לויט דער NYCHRL געזעץ.

## אויב איך בין אן איינגעשטעלטער און איך קען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז, וואס זאל איך טון?

רעדט זיך דורך מיט אייער בעל-הבית און לאז זיי וויסן אז איר קענט נישט געבן א וואקסינאציע באווייז און די סיבות דערפאר. אויב איז דער סיבה פארבינדן מיט א דיסאביליטי, שוואנגערשאפט, רעליגיעזע גלויבן, אדער אייער סטאטוס אלס א געליטענע פון שטוב-געוואלד, נאכלאקערן, אדער סעקס פארברעכנס, מוז אייער בעל-הבית זיך מיט אייך קאאפעראטיוו און איפריכטיג דורכרעדן אויף א לייטזעליגן אופן וועגן פאטענציעלע "ריזאנעבל עקאמאדעישען". אייער בעל-הבית איז נישט מחויב זיך צוצופאסן צו אייך מיט "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אויב עס וועט באדייטנד איינשטעלן זייער געזונטהייט אדער זיכערהייט, אדער דער געזונטהייט און זיכערהייט פון אנדערע ארבעטערס אדער קאסטומערס. פונדעסטוועגן זאלט איר ארבעטן איינאיינעם מיט אייער בעל-הבית אויף זיך

---

[1] דער NYCHRL געזעץ'ס באשיצט אלע באשעפטיגטע קעגן דיסקרימינאציע באזירט אויף דזשענדער, ארייננערעכנט סעקסועלע באלעסטערונג, אומאפגעזען די גרויסקייט פון דעם ביזנעס.

דורכצוקומען צו זען אויב עס איז דא אן אופן וואס איר קענט ווייטער ערפילן אייער ארבעטס פליכטן אן גורם זיין א דירעקטער געפאר אדער גרעסערע שוועריגקייט פאר דער ביזנעס. צום ביישפיל, איר קענט מעגליך ארבעטן רעמאָוט, אדער אינדרויסן פון דער אינעווייניגער טייל פון דער ביזנעס, אדער ארבעטן אין אן אנדערן אפטייל, אפגעזונדערט פון אנדערע מענטשן. מאסקירן און/אדער טעסט'ען זענען נישט גענוג אלס אלטערנאטיוו צו וואקסינאציע און קענען נישט געגעבן ווערן אלס "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אויב איר וועט נאך אלץ זיין געהעריג אין קאנטאקט מיט אנדערע ארבעטערס אדער קאסטומערס בשעת איר פירט אויס אייער ארבעט אויפגאבעס. אויב עס איז נישט דא קיין "ריזאנעבל עקאמאדעישען" וואס וועט אייך ערלויבן זיכערערהייט צו טון אייער ארבעט, קען אייער בעל-הבית אייך אנטראגן אראפצונעמען צייט פון דער ארבעט ביז איר וועט קענען געבן א וואקסינאציע באווייז, אדער אויב עס וועט אנדערש זיין א זיכערע אופן פאר אייך צוריקצוקומען צו דער ארבעט.

אויב האט איר פארלוירן אייער וואקסינאציע באווייז און דארפט הילף אויף צו באקומען א נייע, קענט איר באשטעלן א קאפיע פון אייער וואקסינאציע רעקארד [דא](#).

## אלס אן ארבעטער וואס זוכט "ריזאנעבל עקאמאדעישען", וואספארא סארט באווייז קען מיין בעל-הבית פאדערן?

- אויב איר פארלאנגט א "ריזאנעבל עקאמאדעישען" צוליב א מעדיצינישע צושטאנד אדער שוואנגערשאפט, קען אייער בעל-הבית פארלאנגען פון אייך א צעטל פון א מעדיקעל פראוויידער וואס באשטעטיגט אומפעאיגקייט צו געבן א וואקסינאציע באווייז. דער צעטל דארף אבער נישט ספעציפיש אנגעבן אייער מעדיצינישע צושדאנד אדער אנטדעקן אז איר שוואנגערט.
- אויב איר פארלאנגט א "ריזאנעבל עקאמאדעישען" וועגן אייערע רעליגיעזע גלויבן, קען אייער בעל-הבית פארלאנגען דאקומענטן צו באשטעטיגן נאר אויב זיי האבן א נייטראלע באזיס אויף איבערצוקלערן אייער אויפריכטיגקייט וועגן די אנגעגעבענע רעליגיעזע באזיס פאר אייער נישט קענען געבן א וואקסינאציע באווייז.
- אויב איר פארלאנגט א "ריזאנעבל עקאמאדעישען" צוליב אייער סטאטוס אלס א געליטענע פון שטוב-געוואלד, סעקס פארברעכנס, אדער נאכלאקערן, קענט אייער בעל-הבית פאדערן א צעטל פון א פאסיגע סערוויס פראוויידער צו באשטעטיגן אייער אומפעאיגקייט צו געבן א וואקסינאציע באווייז.

## אויב איך בין א באשעפטיגטער און וויל זיך נישט וואקסינירן, בין איך בארעכטיגט צו א "ריזאנעבל עקאמאדעישען"?

ניין. באשעפטיגטע נאר בארעכטיגט צו "ריזאנעבל עקאמאדעישען" פאר געברויכן פארבינדן מיט זייער אייגענע דיסאביליטיס, שוואנגערשאפטן, רעליגיעזע גלויבנס, אדער סטאטוס אלס געליטענע פון שטוב-געוואלד, נאכלאקערן, אדער סעקס פארברעכנס. אויב קענט איר נישט געבן א וואקסינאציע באווייז פאר סיי וועלכע סיבה, קען אייער בעל הבית אייך אפזאגן פון די ארבעט, אדער פארלאנגען פון אייך אויסצופירן אייער ארבעט אינדרויסן פון די אינעווייניגע טיילן פון דער ביזנעס פלאץ, אויב מעגליך.

## וואס זאל איך טון אויב איך גלייב אז א ביזנעס געדעקט דורך "קי טו NYC" האט נישט נאכגעפאלגט די פאראדרנונגען דא ערקלערט?

רופט דער קאמיסיע אויף מענטשן רעכט, אויף 212-416-0197, אדער שיקט אריין אן אויספארשונג ביי nyc.gov/humanrights. איר קענט איבערלאזן אינפארמאציע אן צו געבן אייער נאמען, אדער איר קענט פייל'ען א קלאגע וועגן דאס וואס האט מיט אייך פאסירט.